# די וועכנטליכע מאמר אין עבודת ה' און אויף ענינים העומדים על הפרק
## פון כ"ק מרן פוסק הדור
# ראב"ד ירושלים הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א

ראש השנה תשפ"ג

# גילו ברעדה
## פחד און ביטחון אין ראש השנה

### די מהות פון ראש השנה

**אונז** טרעפן מיר א גרויסן צומישעניש איבער די מהות פון די טאג ראש השנה, פון איין זייט איז עס א טאג פון פחד און שרעק פון די משפט, אזוי ווי אונז זאגן ביי די סליחות "זוחלים ורועדים מיום בואך", און אפילו די מלאכי עליון ציטערן אין די טאג, אזוי ווי דער פייטן האט מייסד געווען ביי די תפילה פון ונתנה תוקף "ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון".

**אבער** פון די אנדער זייט זאגן חז"ל (ירושלמי ר"ה פ"א ה"ג, והובא בטור סי' תקפ"א) אז א מענטש וואס האט א משפט נעמט זיך ארום און איז זיך מלביש מיט שווארצע קליידער און ער לאזט וואקסן זיין בארד און ער שניידט נישט די נעגל, וויבאלד ער ווייסט נישט וואס זיין פסק גייט זיין, אבער די אידן זענען נישט אזוי, נאר זיי טוהען זיך אן מיט ווייסע קליידער און זענען זיך מתעטף מיט ווייסע קליידער און זיי שערן זיך און שניידן די נעגל, און זיי עסן און טרינקען און פרייען זיך אין ראש השנה, וויבאלד זיי ווייסן אז דער באשעפער וועט זיי מאכן א נס.

**דארף** מען פארשטיין ווייל לכאורה איז עס א סתירה מיניה וביה, וויבאלד אויב פארלאזן אונז זיך אויפ'ן באשעפער אז ס'וועט אונז נישט געשעהן קיין שום שאדןביים משפט אזש אונז עסן און טרינקען מרוב שמחה, אויב אזוי וואלטן אונז בכלל נישט געדארפט מורא האבן אין די טעג, ווי אזוי קען זיין אז פון איין זייט טרייסלען אונז פון פחד הדין, און פון צווייטן זייט פארלאזן אונז זיך אויפ'ן באשעפער אז ס'וועט נישט ארויסקומען קיין שלעכט'ס ביים משפט.

### יראה און ביטחון צוזאמען

**נאר** מ'קען עס פארשטיין מיט א משל צו סאלדאטן וואס זענען ארויס אויפ'ן פראנט פון א מלחמה, און זיי האבן געבלאנדזשעט אין וועג ביז זיי זענען אריינגעגאנגען אין די שטח פונעם פיינט און זיי האבן נישט געוואוסט ווי צוריקצוגיין צו זייער לאנד, און זיי זענען פיל געווארן מיט אימת מוות אויס מורא אז די קעגנער'ס זענען עלול יעדע ליאדע רגע זיי צו דערווערגן, אבער פלוצלינג האט זיי דער באשעפער אויפגעלאכטן די וועג, און זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן ריכטיגן וועג אהיים פארזיכערט אן קיין שאדנ'ס, ביז זיי זענען צוריק אנגעקומען צו זייער לאנד און געראטעוועט געווארן פון טויט שרעק.

**אצינד** לאמיר אריינטראכטן ווי די פחד און שמחה איז אויסגעמישט ביי די סאלדאטן, ווייל אין די רגע ווען זיי האבן אויפגעדעקט די וועג אהיים זענען זיי זיכער אנגעפילט געווארן מיט א געוואלדיגע שמחה, אבער פון צווייטן זייט כל זמן וואס זיי געפונען זיך נאך צווישן די שונאים און האבן זיך נאכנישט צוריקגעקערט בפועל זענען זיי נאך פארציטערט און אויפגעשוידערט, וויבאלד זיי זענען נאכנישט געראטעוועט און ס'פעלט נאך אויס נאך א פעולה צו געראטעוועט ווערן, און נאר נאך וואס זיי האבן דערגרייכט זייער לאנד בשלום האט זיך אפגעטוהן פון זיי אינגאנצן די פחד.

**לויט** דעם איז זייער פארשטענדליך די צומישעניש פון פחד און שמחה אין ראש השנה, ווייל אין ראש השנה געפונען אונז זיך אויפ'ן פראנט פון מלחמה אויף אונזער לעבן [חיי עוה"ז און חיי עוה"ב], וועגן דעם כאטש וואס אונז זענען פארזיכערט אין באשעפער אז ער וועט אונז מאכן א נס און אונז ווערן אנגעפילט מיט שמחה אזוי ווי די סאלדאטן וואס פרייען זיך אויף זייער נאנטע הצלה, אבער דאך פון די אנדער זייט שטייען אונז און טרייסלען מיט א שרעקליכע פחד וויבאלד אונז זענען נאך אויפ'ן פראנט פון די מלחמה און אונז האבן נאכנישט זוכה געווען בפועל צו די נס, און אונז זענען ווי די סאלדאטן וואס כל זמן זיי זענען נאכנישט געראטעוועט געווארן בפועל הערשט ביי זיי נאך א פחד.

### די הסבר פון מרן הגרי"ז זצ"ל

**אבער** בשם מרן הגרי"ז זצ"ל האב איך געהערט א צווייטע געדאנק איבער די משמעות פון די שמחה און ביטחון אין די טעג, אז אין ערב ראש השנה די לעצטע יאר פון זיין לעבן איז אריינגעקומען צו אים הגראמ"מ שך זצ"ל, און ער האט געזעהן ווי ער זיצט און ציטערט פון די יום הדין, האט ער זיך געוואונדערט און געפרעגט פון מרן הגרי"ז פארוואס ער ציטערט אזוי, וויבאלד פון די ווערטער אין חז"ל זעהט אויס אז מ'דארף נישט מורא האבן פאר די יום הדין נאר זיך פרייען און פארלאזן אויפ'ן אויבערשטן.

**האט** אים מרן הגרי"ז זצ"ל געענטפערט לויט דעם וואס רבי שלמה בן גבירול האט מייסד געווען אין די פיוט 'כתר מלכות' "אברח ממך אליך, ואתכסה מחמתך בצילך", ווייל בפשטות דארף מען פארשטיין וואס מיינט "אברח ממך אליך", לכאורה איז עס דאך תרתי דסתרי, ווייל איינער וואס אנטלויפט פון איינעם אנטלויפט נישט צו אים נאר פון אים. נאר צום ערשט דארף א מענטש אנערקענען אין די גרויסע סכנה און שפירן אז ער דארף אנטלויפן צוליב די פחד פון די דין, און דורך דעם אנטלויפט ער טאקע צום שאטן פון באשעפער לחסות בצילו, קומט אויס אז ס'איז נישט קיין שום סתירה, נאר פארקערט די פחד אליינ'ס ברענגט אים צו א הכרה אז ער דארף זוכן א פלאץ צו אנטלויפן אהין, און דורך דעם פארזיכערט ער זיך טאקע אין באשעפער ווען ער זעהט איין אז אין לו על מי להישען אלא על אבינו שבשמים.

### ביטחון איז נאר ביי איינער וואס אנערקענט אין די צרה

**לויט** די ווערטער האט הגרי"ז ערקלערט פאר הגראמ"מ שך די סיבה פארוואס ער ציטערט אין די טעג, וויבאלד די ביטחון און די פחד איז ווי תרי רעין דלא מתפרשין, ווייל נאר דורך די פחד און די אימת הדיןווארפט ער זיך ארויף מיט ביטחון אויפ'ן באשעפער, אבער טאמער האט ער אינגאנצן נישט די פחד דאן הייסט ער נישט קיין 'בעל ביטחון', נאר ער איז אין די גדר פון א 'מחוסר אמנה' וויבאלד ער גלייבט נישט אין די משמעות פון די ימי הדין.

**און** מרן זצ"ל האט אויפגעפאדערט איבער די טעות וואס האט זיך אריינגעכאפט ביים ציבור וואס זאגן אז זיי זענען רואיג אין די טעג וויבאלד זיי האבן ביטחון אין באשעפער, און די אמת איז אז ס'איז זייער מעגליך אז דאס קומט פון א חיסרון אין די ריכטיגע אמונה אין שכר ועונש און אין די אפטייטש פון די ימים נוראים.

### ביטחון איז נאר ביי איינער וואס האט זיך צוגעגרייט צו ראש השנה

**נאכמער** האט מרן זצ"ל געזאגט, אז נאר איינער וואס האט זיך צוגעגרייט צום יום הדין מיט א פחד און יראת שמים, ער קען אמת'דיג זיך פארזיכערן אין באשעפער אין די טעג, וויבאלד ער קען זאגן איך האב געטוהן וואס איך האב געדארפט און יעצט פארלאז איך זיך אויף דיר אז דו וועסט מיר ראטעווען, אבער ווער ס'האט נישט אויסגעפירט זיין חיוב און ער האט זיך נישט געגרייט צו ראש השנה מיט א אימה און פחד, דער האט נישט וואס צו זיין פארזיכערט אין באשעפער אז ער וועט אים העלפן וויבאלד ער האט נישט געטוהן וואס ער האט געדארפט.

**קומט** אויס אז כאטש וואס אונז דארפן זיך פרייען אין ראש השנה אויפ'ן ממליך זיין דעם באשעפער אויף די בריאה, און אויך אויף דעם וואס ער דארף אונז נאך, און אונז קענען זיך נאך פארעכטן און זוכה זיין צו א כפרה פון באשעפער, אבער פון צווייטן זייט דארף מען אויך ציטערן אז אפשר זענען אונז נישט מקיים די חיוב פון תשובה און קבלת עול מלכות שמים ווי ס'פאסט זיך, און דאן איז נאך אונזער עונש אסאך הארבער וויבאלד אונז האבן מזלזל געווען אין די געלעגנהייט תשובה צו טוהן.

# עובדות און הנהגות אויף ראש השנה ארויסגענומען
# פון די כתבים און ספרים פון מרן שליט"א

**א]** איך האב געהערט פון א עלטערער תימנ'ער איד וואס ער האט געהאט די זכי' צו בלאזן שופר פאר הגה"ק מהרי"ל דיסקין זצ"ל מיט א תרועה ווי די מנהג אין תימן, וויבאלד דער מהרי"ל זצ"ל פלעגט מדקדק זיין צו הערן אזא תרועה, און די תקיעה האט ער מקפיד זיין ס'זאל זיין ממש א קול פשוט אן קיין עליות און ירידות.

**אויך** האט ער דערציילט אז ער פלעגט פאר ראש השנה צוזאמרופן צו זיך אלע בעלי תקיעות צו זיי פארהערן אויב זיי מאכן די תקיעות בהידור, און בשעת די תקיעות איז זיין געווען ווי א ברענענדיגע פייער מרוב שמחה אז ער איז זוכה צו מקיים זיין די מצוה מיט אלע הידורים, און ער איז בכלל נישט געווען אויף די וועלט בשעת די תקיעות, און אין גאנץ ראש השנה איז ער געווען פארטראכט אין זיינע העכערע כוונות און ער האט זייער מאריך געווען ביי שמו"ע, און דערנאך פלעגן אים אריבערגיין אסאך בעלי תקיעות און יעדער האט אים געבלאזן א תקיעה אזוי ווי א אנדער נוסח, און ער האט צוגעענדיגט 'וואויל איז פאר דער וואס האט אים געזעהן בשעת זיין עבודה ביי תקיעת שופר אין ראש השנה'.

**ב]** מו"ר הגה"צ רבי משה שניידער זצ"ל פלעגט דאווענען מיט בכיות נוראות, און ספעציעל ביי די תפילות פון ימים נוראים וואס דאן פלעגט ער שטארק קלאפן אויפ'ן טיש אינמיטן שמו"ע און געזאגט "טאטע טאטע, ביז ווילאנג וועלן אונז דארפן ליידן אין די ביטערע גלות".

**איינמאל** האט ער גע'טענה'עט פאר'ן באשעפער און געזאגט "רבוש"ע, למען כבוד שמים לוינט זיך בעסער מיר צו לאזן לעבן אויף די וועלט"!.. און איינמאל האט ער געזאגט "ריכטיג אז איך בין נישט אינגאנצן ווי ס'דארף צו זיין, אבער צו דען בין איך חשוד ביי דיר אלס א מזיד חס ושלום"...

**ג]** מו"ר הגה"צ רבי משה שניידער זצ"ל האט גארנישט געגעסן פאר די תקיעות, און ער האט אויסגעלויבט די בחורים וואס האבן זיך צוריקגעהאלטן פון עסן.

**ד]** ווען דער קביעות'דיגער חזן פון ימים נוראים אין ישיבה פאר תפילת שחרית איז קראנק געווארן, האט מיר מו"ר הגה"צ רבי משה שניידער זצ"ל גערופן און מיר פארבעטן אז איך זאל איבערנעמען דעם חזן אויף תפילת שחרית ראש השנה און יום כיפור, האב איך אים געענטפערט אז איך קען נישט די נוסח און די ניגונים, און נאך מער פון דעם איז אז איך בין נאך א בחור און עפ"י הלכה איז ענדערשטער א יונגערמאן ווי א בחור, אבער מו"ר זצ"ל האט מיר געענטפערט אז ער האט נישט קיין צווייטן, און במקום שאין איש מוז איך אננעמען די שטעלע, און ער האט מיר צוגעשטעלט א יונגערמאן וואס האט גוט געלערנט מיט מיר די נוסח און די ניגון, און ערב ראש השנה האט ער מיר גערופן און געזאגט אז איך זאל נישט משנה זיין פון די ניגון אויך נישט צו פארמערן כוונה, ווייל די ניגון וואס איז מקובל צווישן כלל ישראל ביי די תפילות פון ימים נוראים האט א יסוד, און ס'איז מקובל במסורת איין דור נאכ'ן צווייטן, און פארדעם דארף מען מקפיד זיין עס נישט צו משנה זיין.

**ה]** מרן הגרי"ז זצ"ל האט מיר דערציילט אז זיין טאטע הגר"ח זצ"ל פלעגט גיין איין מאל א יאר פאר ראש השנה צו בודק זיין די עירוב אין בריסק [אין אנפאנג האט הגר"ח אינגאנצן נישט געוואלט אז מ'זאל מיקל זיין צו טראגן אין שבת על סמך פון די עירוב, און ער האט געוואלט אסר'ן צו מאכן א עירוב אין בריסק און ער האט מפרסם געווען א איסור אבער מ'האט אים נישט געפאלגט, דאן האט ער געזאגט פאר דער מורה הוראה רבי שמחה זעליג זצ"ל אז דווקא ער וועט מסדר זיין די עירוב און מ'זאל זיך פארלאזן נאר אויף אים].

**ו]** איך האב געהערט פון הרב מייזעלס זצ"ל וואס ער האט דורכגעמאכט די שרעקליכע וועלט מלחמה, אז ער האט געזעהן מיט די אייגענע אויגן אין יאר תש"ד ווי די נאצי'ס ימ"ש האבן געברענגט בעצם יום ראש השנה צוויי טויזנט יונגע קינדער מיט וועגענער פון בהמות צו די אושוויץ פארטילוגונג'ס לאגער, און דאקטער מענגעלע ימ"ש האט זיכער געמאכט אז מ'זאל זיי ארייינברענגען שטילערהייט אין לאגער כדי ס'זאל נישט אנזייען א טומל, און דערנאך זיי דערשטיקן אין די גאז-קאמערן, און ווען זיי זענען שוין געווען אין לאגער און זיי האבן געווארט אויף זייער טויט האבן אלע פה אחד אויסגעשריגן הויעך אונז ווילן מיר הערן בלאזן שופר, און די נאצי'ס וואס האבן געדארפט אפהאלטן יעדע רעש און טומל פאר יעדן פרייז האבן צוגעשטימט בלית ברירה צו זייער באגער, און די נאצי'ס ימ"ש זענען אריבערגעגאנגען צו די דערנעבנדיגע געטא און געפרעגט ווער עס פארמאגט א שופר אין זיין באזיץ, און בדרך נס האט זיך געמאכט אז מ'האט געטראפן דארטן א שופר וואס מ'האט ארייינגעשמוגלט אין לאגער, און דאן האט מען אהינגעברענגט הרב מייזעלס זצ"ל מיט די שופר באגלייט מיט נאצי'שע סאלדאטן אז ער זאל דינען אלס דער בעל תוקע, און הרב מייזעלס האט דערציילט, אז זיי האבן דארטן געזאגט די פסוקים פון מן המיצר מיט יאמערליכע געוויינערהייען און שרעקליכע קולות אזוי ווייט אז ער האט געטראכט אז דער באשעפער וועט זאגן גענוג מיט מיין וועלט, און דערנאך האט ער געבלאזן דרייסיג תקיעות מיט'ן שופר, און די נאצי'ס ימ"ש האבן אים ארויסגענומען פון דארט גלייך נאך די תקיעות אים צוריקצוטראגן, און ער האט אנגע'יאגט צו הערן ווי זיי זינגען דארט מיט אזא שמחה ברוך אלוקינו שבראנו לכבודו, און דערנאך האט ער געהערט ווי זיי זאגן צוזאמען קרי"ש און יהא שמיה רבא, און צוויי שעה שפעטער זענען זיי שוין אלע געווען אין גן עדן, און דאס איז די שטארקייט און פעסטקייט פון כלל ישראל, און נישט נאר אין אושוויץ נאר אין אלע אנדערע פלעצער משך אלע דורות.

**ז]** א געוויסער גדול זצ"ל האט מיר דערציילט, אז א איד איז געקומען צו אים אין ראש השנה און זיך אויסגעלויבט אז ער שלאפט בכלל נישט אין ראש השנה, האט ער אים געענטפערט אז דאס איז נישט גענוג, ווייל אויב האט ער גערעדט דברים בטלים איז עס פונקט ווי שלאפן, און ס'איז נאך אפילו ערגער ווי שלאפן וויבאלד שלאפן האט א מעלה אז ס'געבט צו כוח פאר עבודת ה', אבער איינער וואס רעדט דברים בטלים איז ער ממש ווי א מת.

**ח]** דער משגיח פון מיר'ער ישיבה הגאון רבי ירוחם זצ"ל פלעגט זייער מאריך זיין ביי די שמו"ע פון ליל ראש השנה, און אויך ווען אין ישיבה האט מען שוין געענדיגט דאווענען און אויך די סעודה האט ער נאך אלס געהאלטן אינמיטן דאווענען, און זיין תלמיד הגאון רבי נתן וואכטפויגל זצ"ל (משגיח אין לעיקוואוד'ער ישיבה) האט געוואלט זעהן וואס דער משגיח טוהט נאכ'ן ענדיגן אזא לאנגע דאווענען, האט ער זיך באהאלטן נעבן אים, האט ער געהערט ווי ער חזר'ט זיך איבער מיט א ווארעמע ניגון די פסוק (בראשית כ"ז י"ב) "אולי ימושני אבי והייתי בעיניו כמתעתע"... אזוי האט ער איבער'געחזר'ט די פסוק אסאך מאל מיט א געוואלדיגע התרגשות.

**מ'קען** מסביר זיין די הנהגה פון דער משגיח זצ"ל, לויט דעם וואס די ספרים הק' זאגן אז אסאך מאל איז א מענטש זייער מאריך ביים דאווענען, און דורך דעם פאלט אריין אין אים א געפיל פון גאווה אז ער איז א גרויסער צדיק, און דעמאלט'ס איז יצא שכרו בהפסדו, פארדעם האט דער משגיח אנגעפאנגען גלייך נאכ'ן דאווענען צו טראכטן אזעלכע מחשבות אז ווער זאגט אז דער באשעפער איז צופרידן פון מיר, און ער האט איבער'געחזר'ט די פסוק "אולי ימושני אבי", אז אפשר וועט דער באשעפער אים בודק זיין, און ער וועט טרעפן ביי אים מומים לויט זיין מעשים ח"ו.

# פארשידענע הנהגות פון מרן הגרי"ז זצ"ל אין ראש השנה וואס מרן שליט"א האט צוגעזעהן ווען ער האט געדאווענט ביי אים

**א)** מרן הגרי"ז זצ"ל האט אליינ'ס אויסגערופן פאר תקיעת שופר אז יעדער זאל אינזינען האבן יוצא צו זיין די תקיעות, [ער האט נישט געזאגט יוצא צו זיין צו הערן די תקיעות נאר 'יוצא צו זיין די תקיעות' באופן כללי, און דאס איז די בעסטע נוסח ווייל מיט דעם האט מען אינזין יוצא צו זיין סיי די בלאזן און אויך די הערן, ואכמ"ל], און ער האט צוגעלייגט אז יעדער זאל אויסהערן ביז'ן סוף, וויבאלד ער האט חושש געווען אז נאך וואס דער בעל תוקע וועט בלאזן וויפל די שיעור איז וועט מען שוין נישט אינזינען האבן מוציא צו זיין און יוצא צו זיין, פארדעם האט ער געפאדערט אז מ'זאל אינזינען האבן ביז'ן סוף.

**ב)** מרן זצ"ל האט אויסגערופן פאר תקיעת שופר אז מ'זאל אינגאנצן נישט זאגן די יהי רצון ביי די תקיעות, און אז די וואס זאגן עס נאך די תקיעות זאלן אכטונג געבן צו הערן די תקיעה גדולה ביז'ן סוף ווייל אויב נישט האבן זיי נישט יוצא געווען.

**ג)** מרן זצ"ל האט זיך געפירט זיך אינגאנצן דערנענטערן צום בעל תוקע כדי צו קענען גוט הערן יעדע תקיעה פון אנפאנג ביזן סוף.

**ד)** מרן הגרי"ז זצ"ל האט מיר דערציילט אז זיין טאטע הגר"ח זצ"ל האט חושש געווען אז לויט די שיטה פון דער רמב"ם איז א שברים מער ווי איין כח און ווייניגער פון צוויי כוחות, [וויבאלד לויט דער רמב"ם איז די שיעור פון א תקיעה פיר און אהאלב כוחות, און אויב די שברים וועט זיין צוויי כוחות קומט אויס אז די דריי שברים'ס צוזאמען וועט זיין זעקס כוחות וואס דאס איז מער ווי די שיעור פון א תקיעה, און פון צווייטן זייט קען אויך נישט זיין אז די שברים זאל זיין נאר איין כח אזוי ווי די שיעור פון א תרועה, אויב אזוי מוז זיין אז ס'איז מער ווי איין כח און ווייניגער ווי צוויי כוחות], און דאס איז א זאך וואס איז זייער שווער מכוון צו זיין. אבער מרן הגרי"ז אליינ'ס האט נישט מחמיר געווען אויף דעם.

**ה)** מרן הגרי"ז האט זיך געפירט צו מאכן תשר"ת אין צוויי נשימות אזוי ווי דער רמ"א פסק'ענט, און נישט ווי דער משנ"ב וואס שרייבט אז היינט צוטאג'ס נאך וואס איז נתגלה געווארן אסאך ראשונים דארף מען חושש זיין אויך אויף די דעה עז צו מאכן אין איין נשימה, (און איין מאל האט ער זיך אויסגעדריקט זיין פארדרוס אז מ'מאכט א גאנצע עיקר פון די שיטה צו עס מאכן אין איין נשימה).

**ו)** ביי מרן הגרי"ז זצ"ל האט מען קידוש געמאכט פאר תקיעת שופר, און מרן זצ"ל האט מיטגעגעסן מיט אלע מתפללים. [און אין בעלזא עסט מען פאר די תקיעות אן קיין קידוש, ס'זעהט אויס ווייל זיי האלטן אז די תקיעות איז א חלק פון שחרית און פאר די תקיעות איז ווי פאר שחרית].

**ז)** עס איז געווען וואונדערליך צו צוזעהן די תפילות פון מרן זצ"ל, ער פלעגט דאווענען מיט די זעלבע ניגון און תנועות א גאנץ יאר, סיי ראש השנה און יום כיפור און אויך אין די אנדערע טעג פון יאר, אבער פון מאל צומאל האט ער יא משנה געווען זיין קול מיט א קול בכי אין די טעג.

**ח)** ער פלעגט אריבערפירן די טאג פון ראש השנה מיט'ן זאגן תהילים מיט גרויס כוונה, וויבאלד אין דעם איז אויך דא בקשות פון סליחה וכפרה און תשובה, און די אימת הדין האט זיך אנגעזעהן אויף אים א גאנצן טאג, און ער האט מסביר געווען די ווערטער פונעם רמב"ם אז ער אנטלויפט פון די פחד הדין, אז ער אנטלויפט און טרעפט א באהעלטעניש ביים באשעפער.

**ט)** איך האב געהערט אז ער האט מקפיד געווען צו באצאלן פאר'ן שליח ציבור פון מוסף, און ער האט אויף גארנישט חושש געווען.

**י)** ס'איז באקאנט זיין שיטה און די שיטה פון זיין טאטע הגר"ח אז יעדער איינער איז מחוייב צו הערן יעדע ווארט פון חזרת הש"ץ כדי ס'זאל גערעכנט ווערן ווי ער דאוונט, און נאר דעמאלט'ס איז ער יוצא די תקיעות וואס איז אויסגעשטעלט לויט די סדר פון די ברכות און די מצוה איז בציבור. און וויבאלד די סדר פון מרן זצ"ל איז געווען צו דאווענען שמו"ע אביסל אויפ'ן קול, פלעגט יעדער הערן ווי ער האלט, און אזוי האט מען געוואוסט ווען זיך אפצושטעלן פון דאווענען. און וויבאלד מרן זצ"ל פלעגט נישט מאריך זיין ביי שמו"ע פלעגט זיך נאכדעם יעדער אונטעריאגן און צוענדיגן שמו"ע, כדי צו קענען הערן די גאנצע חזרת הש"ץ.

**י"א)** בשעת די תקיעות ביי מרן הגרי"ז זצ"ל האט מען געהערט תקיעות פון א דערנעבנדיגע בית מדרש, און מרן שליט"א האט געזאגט פאר מרן הגרי"ז אז לכאורה דארף מען זיך אפשטעלן יעצט פון בלאזן ווייל תרי קלי לא משתמעי, האט מרן הגרי"ז דאן אויסגערופן און געזאגט "ר' משה זאגט אז מ'דארף זיך אפשטעלן צו בלאזן", און ער האט באפוילן דעם בעל תוקע ער זאל זיך אפשטעלן.

**לתועלת** הרבים ברענגען מיר דא די סדר התקיעות פון מרן שליט"א מיט אלע חומרות און הידורים וואס ער האט פארשריבן אין די קונטרס התקיעות פאר קרוב צו זיבעציג יאר צוריק אין זיין ספר 'מועדים וזמנים', [ווער ס'וויל וויסן די מקורות דערצו קען מעיין זיין אין די קונטרס התקיעות, און אונז ברענגען דא נישט קיין הלכה למעשה]:

**די** תקיעה איז לאנג כ"א כוחות, די שברים איז פשוטים און ס'גייט אויף אראפ ווי א קול בכי, די לענג פון א שברים איז פון דריי כוחות ביז פיר אהאלב כוחות, א קליין הבדל צווישן איין שבר און די צווייטע. ביי די תקיעות דמיושב בלאזט מען תשר"ת אין איין נשימה מיט א קורצע הפסק צווישן די תרועה און די תקיעה, און ביי תקיעות דמעומד בלאזט מען תשר"ת אין צוויי נשימות, מיט א נשימה בפועל, [ווען מרן שליט"א האט געדינט אלס דער בעל מקריא האט ער מדגיש געווען די נשימה ביים פארזאגן, און ער האט הויעך אריינגעאטעמט צווישן פארזאגן די שברים און די תרועה].

**ביי** די תקיעות פון קדיש תתקבל בלאזט מען דריי מאל תשר"ת אין צוויי נשימות אזוי ווי ביי תקיעות דמעומד, און נאך עלינו לשבח בלאזט מען די שברים אזוי ווי די ליטווישע מנהג, דריי מאל תשר"ת אין איין נשימה, דריי מאל תשר"ת אין צוויי נשימות, און דריי מאל תש"ת, און מ'לייגט צו דריי מאל תר"ת בקול המתרעש [וואס ווערט אנגערופן תימענער תקיעות] נאכ'ן דאווענען פלעגט מען צולייגן נאך תקיעות לחומרא, קורצ'ע שברים פשוטים ווייניגער ווי דריי כוחות ווי שיטת רש"י, דריי מאל תש"ת, דריי מאל תשר"ת אין איין נשימה, און דריי מאל תשר"ת אין צוויי נשימות, [און מ'האט נישט געבלאזן ווי שיטת רש"י אויך ביי שברים אזוי ווי מנהג ליטא, וויבאלד מרן שליט"א האלט אז מ'דארף נישט חושש זיין צו קורצ'ע שברים דווקא ביי די ליטווישע שברים]. אזוי אויך האט מען געבלאזן תשר"ת ווי שיטת החזו"א מיט שברים פשוטים [און מ'האט נישט געבלאזן ווי דער חזו"א אויך ביי שברים ווי מנהג ליטא]. אזוי אויך האט מען געבלאזן א תרועה בקול המתרעש, ביי תשר"ת אין איין נשימה און ביי תשר"ת אין צוויי נשימות, און ביי שברים פשוטים, [און מ'האט נישט צוגעלייגט בקול המתרעש ביי שברים ווי מנהג ליטא].

# ברכת השנה ממרן רבינו שליט"א לחברי ורבני העדה החרדית בארץ ובגולה

בעזהי"ת, פרוס ירח האיתנים תשפ"ג לפ"ק פעיה"ק ירושלים תובב"א

בפרוס השנה החדשה הנני מעתיר בתפילה ומברך את כלל חברי עדתינו רבנן ותלמידיהון הע"י, ועל צבאם **ידידיי הרבנים הגאונים הצדיקים חברי הבית דין צדק היושבים על מדין שליט"א, ואתם עמם מנהיגי קהילות הקודש ראשי קהל עדת ישורון, ראשי הישיבות הק' ומורי ההוראה דעדתינו שליט"א**, וכל העו־סקים בצרכי ציבור באמונה, עם כל הקהל הקדוש הע"י, בברכת כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים גמורים, תכלה שנה וקללותיה תחל שנה וברכותיה, ונזכה לשנת חיים ושלוה, בבריות גופא ונהורא מעליא.

הן זכינו בחסדיו ית' שבשנים האחרונות נתרחבו גבולות הקדושה, וגם בערים רחוקות מוקמים קריות נאמנות לה' ולתורתו לבני היישוב הישן בדרכם של אבות היישוב זצוק"ל, ותיתי להו לעסקנים המסורים המוסרים נפשם על צביון היישובים החדשים שיתקיימו בקדושה ובטהרה, בדרכם של רבותינו מצוקי ארץ נבג"מ שמסרו נפשם להעמיד היישוב בארץ הקודש בדרך התורה הק' המסורה לנו מאבותינו ואבות אבותינו מסיני בלא שום שינוי ופירצה, ומקימים שם **מוסדות לשם ולתפארת על טהרת הקודש**, אשריהם ואשרי חלקם, ויתברכו הם וכל בני ביתם בכתיבה וחתימה טובה, שרבים צריכים להם וזכות הרבים תהא מסייעתם להיוושע בכל מילי דמיטב.

ובפרט בימינו אנו שמשנאי ה' נשאו ראש, ואומרים ערו ערו עד היסוד בה להתערב בחינוך ילדי תשב"ר הטהורים, ולהעבירם מעל חוקי רצונו ית"ש, עלינו להמשיך לעמוד איתנים בכל עוז שלא לשנות ח"ו מאומה בחינוך הבנים והבנות בדרך המסורה המקובל בידינו מדור דור, ובע"ה שלא השבית לנו גואל גם בזמן כזה, והתרבו עוד ועוד מוסדות תורה וחינוך שפסקו לקבל תמיכה מהשלטונות, ומחנכים את ילדי המוסדות בקדושה ובטהרה ללא שייכות או חנופה לרשעים ח"ו, והנני לברך את נדיבי העם העומדים לעזר ולסעד, ובפרט את ראשי ומנהלי **המפעל הכביר 'קרן הצלה'** המוסרים נפשם למען מוסדות התורה והחינוך עטה"ק ברחבי ארצינו הק', שכל קיומם של עם ישראל בארץ ובגולה תלוי בהעמדת צבא ה' הלומדים תורה בטהרה.

והנה עומדים אנו עכשיו בעוה"ר בתקופה שאין לך יום שאין קללתו מרובה משל חבירו, ששלטון הרשע פועל לקעקע את חומות השבת והקדושה והצניעות בירושלים עיה"ק ובכל רחבי ארץ הקודש, ולערב גויים בכרם בית ישראל ע"י גיורים מדומים ה"י, ומרבים בחיטוטי שכבי ה"י, ואף אינם פוסקים מהנסיונות לגייס בכפייה ובפיתויים לצבא שלהם שכל באיה לא ישובון, ובעת כזאת עלינו לעמוד על המשמר כחומה בצורה וללחום מלחמת קודש נגד מהרסי כרם ה', ולהתרחק בתכלית הריחוק מהמינים והאפיקורסים, ולחזק את ידי העסקנים המסורים **ראשי 'מרכז עזרה ויעוץ שע"י העדה החרדית'** העושים לילות כימים במסירות גדולה להציל נפשות מדי צר, ובד בבד עלינו להתרחק מפגעי הטכנולוגיה אשר רבים חללים הפילה, ואשרי עסקני קהילות הקודש העומדים על משמרת הקודש בגדרים וסייגים לעשות משמרת למשמרת כדרך אבותינו זי"ע.

ובימים אלו שאנו מתפללים על התגלות כבוד מלכות שמים, עלינו לעורר עצמינו לזעוק ולהריע מעומק הלב על כבוד שמים הנרמס בראש כל חוצות בדור האחרון. וקיבלנו מרבותינו זצ"ל עצה טובה לזכות ליום הדין, לקבל על עצמו לקדש שם שמים, שעי"ז אפילו אם אינו זכאי לחיים בעבור זכויותיו הרי הוא זוכה לחיים בעבור כבוד שמים (וכמטבע התפילה זכרנו לחיים וכו' "למענך" אלקים חיים), וא"כ מה טוב הדבר שנקבל על עצמינו בראש השנה לפעול למען קדושת שמו המתחלל בעוה"ר, ובפרט בדורינו ששכינתא בגלותא בעוה"ר, הרי בודאי כל מי שמקבל על עצמו לפעול למען כבוד שמים, יזכה למתנת חינם ולריצוי בלי שיעור וגבול.

עם ה' חזקו ונתחזקה מול הצרות הרבות האופפת עלינו, כאשר בעוה"ר כל לבב דוי וכל ראש לחלי, בהסתלקותם של צעירים עוללים ויונקים, לב מי לא יחרד על שוועת האלמות והיתומים המתרבים במחנינו ה"י, וחולי עמך בית ישראל השוכבים על ערש דוי, ורבים מאחב"י אשר נשבר מטה לחמם, **ועל כולם נוסף השבר בהסתלקות גדולי תורה ויראה והסתלקות ידידי כ"ק מרן הגאב"ד זצ"ל**, וכל מי שיש לו דעת להתבונן ולראות את הצרות המתרחש מסביבו, רואה שהקב"ה דופק אלינו שנתעורר ונשוב אליו בתשובה, וכמאמר הכתוב "קול דודי דופק פתחי לי אחותי רעייתי".

ועלינו להכין עצמינו בתשובה ותפילה וצדקה לימים הנוראים למתק הדין לקראת השנה הבעל"ט, וכל אחד יקבל על עצמו לעמוד איתן וחזק נגד רוחות רעות של מינות ואפיקורסות הסוערות בזמנינו, ונגד נסיונות הזמן מפגעי הטכנולוגיה המהרסים כל נפש, ועל כל אחד ואחד להתחזק ביתר שאת בלימוד התורה הק', שכל שעת לימוד בעמל ויגיעה ובשמחה הרי היא כתבלין כנגד היצה"ר וכחומת מגן מפני פגעים רעים רח"ל, והנשים יתחזקו בגדרי הצניעות והקדושה. וכבר שמעתי מפה קדוש הרה"ק בעל ה"דברי יואל" מסאטמאר זי"ע שבדורנו דור עני ושפל ובסביבה מלאה טומאה, הקב"ה מקבל את התשובה אף אם לא קיימנו את כל סדרי התשובה כפי שהיה נדרש בדורות הקודמים.

ועכשיו בצאתינו משנת השביעית קודש לה', נודה להשי"ת על שזיכנו להיות לעזר ולאחיסמך לחזק את **גיבורי כח עושי דברו שומרי שביעית כהלכתו**, ואף גם זאת נודה **לרבני וראשי מערכת ועד הכשרות וועד השמיטה המהודר דעדתינו**, שדואגים תמידין כסדרן מידי שנה בשנה וגם בשנה השביעית להשגחה ופיקוח המהודר, ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלימה מן השמים.

והברכה אחת היא לכבוד אחינו בני ישראל יראי ה' שמעבר לים, ועל צבאם ידידיי מנהיגי עדת ישורון ראשי גולת אריאל שליט"א העומדים לימין עדת ה' בארה"ק, יברך ה' חילכם ויאמץ כוחכם לעמוד על משמרת הקודש בעוז ותעצומות, **ובייחוד עכשיו כאשר השלטונות בניו יארק באים בניסיונות לקעקע ח"ו את החינוך הטהור ולהתערב בחינוך ילדי ישראל, היו לא תהיה ח"ו**, בזכות עמידתכם האיתנה על משמר החינוך יהי ה' עמכם ונזכה לישועת ה' ותזכו להיכתב ולהיחתם בכתיבה וחתימה טובה, ולשנת גאולה וישועה ולהרמת קרן התורה, ובקרוב בימינו נוושע בתשועת עולמים, בב"א.

והימים האלו נזכרים ונעשים להתחזק בתורה ויראת שמים, ומעט אור דוחה הרבה מן החושך, ונעבוד את אלוקינו ית"ש בשמחה ובטוב לב, ויחד עם זאת לא נסיח דעת ח"ו ממצבינו ומחילול שמו הגדול המתחלל בחוצות רח"ל, ונרבה תחינה ותפילה לפני שוכן מרומים שיתגדל ויתקדש שמיה רבא, ונזכה לתשובה שלמה ולמלא עבודתינו כראוי בימים אלו, ובקרוב יתקיים "וכל קרני רשעים אגדע תרוממנה קרנות צדיק" ובכן תן פחדך וכו' ויעשו כולם אגודה אחת וכו', ונזכה לראות בישועתן ושמחתן של כלל ישראל בגאולה העתידה בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן.

ובע"ה אשתדל להתפלל בעדכם בימים הנוראים הבעל"ט להיוושע בכל מילי דמיטב ברו"ג, ואף אתם העתירו נא בעדי לאורך ימים ושנות חיים מתוך בריאות עם כוחות לעבדו ית"ש בלבב שלם.

הדו"ש לטובה כל הימים ומצפה לרחמי שמים מרובים



צו באקומען וועכנטליך די גליון שיקט א אימעיל צו:
w7110992@gmail.com

צו האבן א זכות אין פארשפרייטן די הייליגע ספרים און גליונות אזוי האוכט -
צו אריינשיקן פאר די מערכת הערות והארות וועגן די גליון און וועגן די ספרים
שיקט א אימעיל צו gilyonhuraved@gmail.com
די נאמבער פאר נדבות און הנצחות איז: 17166234717